פרשת שמיני
שנת תשפ"ה
גליון כ"ח

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

## קַדְּשֵׁנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ (ב)

### א דערהויבנקייט אין מצוות אפילו פאר פשוט'ע אידן

וואס מער פיזישע דקדוקים מען לייגט אריין אין די מצוות, אלץ שטארקער שיינט די מצוה | **ווי מער כוונה און התבוננות אין דער מצוה, אלץ שטארקער לייכט עס** | אונזער דור איז שוואכער און האט נישט די כוונות פון אמאליגע דורות | **ווי ווייניגער גשמיות מען האט פארמאגט, אלץ מער געפיל איז געווען פאר א מצוה** | היינטיגע צייטן זענען מיר מקיים די מצוות מיט פיל גרעסערע הידורים | **מיט די היינטצייטיגע הידורים זענען מיר משלים דעם אמאליגן קשר וואס איז געקומען דורך דער ריינער כוונה** | אמאליגע עמי הארצים פלעגן מקיים זיין די מצוות מיט א ריין הארץ | **רחמנא ליבא בעי** | די גגועים און כיסופים זעלבסט ברענגען דעם קשר און דעם אור המצוה | **מיט אמונה קומט מען אן מקיים צו זיין מצוות בשלימות** | דער אויבערשטער ווארט דווקא אויף אונזער עבודה

### אריינפיר

מיר האבן שוין אויסגעשמועסט אין דעם פריערדיגן גליון אז די סיבה פארוואס רוב מצוות ווערן געטון מיט'ן גוף און מיט גשמיות'דיגע חפצים איז וויבאלד די תרי"ג מצוות זענען געוואלדיגע אורות וואס זענען באשאפן געווארן דורכ'ן הייליגן באשעפער כדי מקרב צו זיין דווקא דעם גוף צום שורש העליון, און דאס קען נאר געטון ווערן אויב די מצוות וואס מיר טוען אויף דער וועלט ווערן דורכגעפירט מיט אלע פרטים און דקדוקים, וואס דאן צינדט מען אן דעם געוואלדיגן אור פון דער מצוה וואס באשיינט אלע עולמות און מיט דעם איז מען מקשר דעם גוף און דאס נפש הבהמית צו דעם גרויסן אור.

יעצט וועלן מיר ממשיך זיין מיט דער נקודה און מסביר זיין וויאזוי מען קען היינטיגע צייטן, ווען מיר זענען ווייטער פון דעם רוחניות'דיגן עולם התענוג און לעומת זה רייצן אונז אן די גשמיות'דיגע תענוגים פון אלע זייטן, זיך מדבק זיין אין דער רוחניות'דיגער ליכטיגקייט און אריינשיינען ביי זיך דעם אור פון די מצוות.

**א**

# קענען מיר מקיים זיין מצוות בשלימות?

## מקיים זיין מצוות מיט אלע דקדוקים

קענען מיר דען פארשטיין דעם גרויסן אור פון א מצוה? זיכער אז נישט.

די ליכטיגקייט פון א מצוה איז עפעס וואס באלאנגט נישט און האט נישט קיין שייכות מיט אונזער וועלט, ווי די גמרא זאגט (עירובין כב.): "היום לעשותם ומחר לקבל שכרם". **אויף דער וועלט קענען מיר נישט פארשטיין וואס** מיר טוען אלץ אויף מיט אונזערע מצוות, און אוודאי נישט דעם עצם אור המצוה, כאטש עס זענען אין אלע דורות געווען גרויסע בעלי מדריגה וואס זענען געווען גענצליך אפגעשיידט פון תענוגי עולם הזה און האבן יא זוכה געווען צו זען קלאר בחוש וויאזוי די ליכטיגע אורות המצוה באשיינען אלע עולמות בשעת מען איז מקיים א מצוה.

מיר דארפן געדענקען אז מיר טוען די מצוות כאטש מיר פארשטייען נישט און מיר זעען נישט גענוי וואס זיי טוען אויף אין די עולמות עליונים. די מציאות איז אז **יעדע מצוה וואס מיר טוען דערגרייכט דעם איד אויף א געוואלדיגן פארנעם צו זיין שורש**, און וואס מער קאפ און מוח ער לייגט אריין דערין, מיט וואס מער הידורים און דקדוקים, אלץ מער לייכט די מצוה מיט די שענסטע פארבן. ווייל ווי מיר האבן שוין דערמאנט איז די פעולה פון דער מצוה וואס מיר טוען אויף דעם עולם הגשמי, אזוי'ווי א בילד וואס שפיגלט אפ אלעס וואס שפילט זיך אפ אין די העכערע עולמות.

### א ריכטיגע הכנה למצוה גיט אונז די כוחות

מיר האבן אויסגעשמועסט אז די מצוות וואס מיר טוען אויף דעם עולם המעשה זענען בלויז א מיטל צו עפענען די געוואלדיגע אורות אין די העכערע וועלטן. **וואס מער שלימות און הידור עס טוט זיך אן אין דער פיזישער פעולה פון דער מצוה, אלץ מער שפיגלט עס ריכטיג אפ דעם ריכטיגן אור המצוה** וואס שפילט זיך אויס אין די העכערע וועלטן, און אלץ א גרעסערע השפעה האט עס אונז צו דערהייבן צום מקור התענוגים [זע תוספת נופך א'].

אויב דאס איז געזאגט געווארן ביי דער שלימות פון דער פיזישער פעולה פון א מצוה, **כל שכן ווען עס קומט צו דער כוונה און**

**וואס מער קאפ און מוח מען לייגט אריין אין א מצוה, מיט וואס מער הידורים און דקדוקים, אלץ מער לייכט עס. וואס מער שלימות און הידור, אלץ מער שפיגלט עס ריכטיג אפ דעם ריכטיגן 'אור המצוה'.**

**התבוננות פון א מצוה**, אז אויב א איד לייגט אריין זיין גאנצן קאפ און מוח אין א מצוה, און ער זוכט צו פארשטיין די טעמים פון דער מצוה און וואס עס באדייט און פארוואס מען טוט יעדע זאך, און ער טרעט צו דערצו מיט אן ערנסטקייט און א דערהויבנקייט, האט עס אוודאי א פיל גרעסערע השפעה אויפ'ן מענטש.

למעשה איז דאך אבער א שווערע עבודה זיך צו גרייטן צו א מצוה ווי עס דארף צו זיין, און יעדער פארשטייט אליין אז מיט אונזערע שוואכע כוחות קענען מיר נישט באווייזן אויפצוטון וואס אמאליגע צדיקים און בעלי מדריגה האבן אויפגעטון מיט זייערע מצוות. ווי קענען מיר דען זיך צוגליכן צו זיי?

אבער אויב מיר גייען אין די דרכים פון די הייליגע צדיקים, מיר גרייטן זיך צו א מצוה מיט אלע הכנות וואס אונזערע הייליגע רבי'ס האבן איינגעפירט, מען טוט אן א גארטל, מען זאגט לשם יחוד און אזוי ווייטער, דאן מאלט מען אפ דאס בילד מיט א פינקטליכקייט, אזוי ווי א בילדער מייסטער. און אז מיר טוען די מצוה מיט א פינקטליכקייט און מיט אלע הידורים, לויט ווי מיר האבן מקבל געווען פון די פריערדיגע דורות, גלייבן מיר באמונה שלימה אז **דאס האט די זעלבע השפעה אויבן אין הימל!** (באר מים חיים פרשת משפטים ד"ה לא תהיה, ועוד רבות).

ב

## ווי מער גשמיות אזויפיל הידורים

### מיר האבן אסאך מער מעגליכקייטן מקיים צו זיין מצוות בהידור

דער ענין פון די הידורים אין מצוות און איבער מקפיד זיין אויף אלע פרטים און דקדוקים מיט אלע חומרות וואס מען האט איינגעפירט, פאדערט עטוואס א ברייטערע אריכות. די מציאות איז אז **היינטיגע צייטן איז א איד מקיים יעדע מצוה סאך מער בהידור ווי אין די פריערדיגע דורות**, די וועלט ווערט מער און מער פארגעשריטן, און זאכן וואס זענען פאר עטליכע יארצענדליג צוריק געווען כמעט אוממעגליך קומט היינט אן כלאחר יד.

צום ביישפיל, לאמיר נעמען די מצוה פון תפילין. ביז נישט לאנג צוריק איז נישט געווען קיין תפילין געמאכט פון 'עור בהמה גסה'. די בתים זענען געווען פון דינע לעדער, צוזאמגעשטעלט פון באזונדערע שטיקלעך, נישט פון איין גרויסן שטיק עור, אזוי אויך איז די 'ריבוע' פון די תפילין געווען גאנץ קנאפ פירעקיג, די רצועות זענען נישט געווען אזוי שיין שווארץ און גלאנציג, אא"וו. אבער היינטיגע צייטן באקומט יעדעס דרייצן יעריגע בחור'ל צו דער בר מצוה א הערליכן פּאָר תפילין מהודר שבמהודר, וואס **אפילו גרויסע צדיקים און מדקדקים במצוות פון דריי דורות צוריק האבן דאס נישט געהאט.**

די זעלבע זאך אויך בנוגע די ד' מינים, ווען היינט צוטאגס קען זיך יעדער איינציגער איד ערלויבן א הערליכן סעט פון די מהודר'דיגסטע ד' מינים, א גלייכן לולב פארמאכט ביז'ן שפיץ, אן אתרוג הדר שבהדר אן קיין איינציג פינטל אדער בלאט-פלעק און הדסים משולשים פון אויבן ביז אונטן מיט פרישע גרינע בלעטער. מיר כאפן אפילו נישט וואספארא זכיה דאס איז, נעמענדיג אין באטראכט אז פאר הונדערט יאר צוריק האבן די גרעסטע מדקדקים במצוות געהאט אן אתרוג וואס **היינט וואלט רוב מענטשן אפילו נישט אנגעקוקט.**

אזוי אויך בנוגע דעם הידור פון מצות אויף פסח, איז היינט צוטאגס וועקגעשטעלט גאר א באקוועמע סיסטעם וויאזוי צו האלטן די מעל און דאס וואסער, און אויסצושטעלן א קילן קלימאט אין דער בעקעריי אא"וו.

בקיצור, ווען עס קומט מהדר צו זיין מיט מצוות אויף א פשוט'ן הלכה'דיגן פארנעם און מקפיד צו זיין אויף חומרות, זענען אונזערע מצוות זיכער מיט סאך א שטארקערן הידור ווי די דורות פון אמאל וואס האבן פשוט נישט געהאט די אלע מעגליכקייטן.

הלא דבר הוא, און עפעס ווייזט דאס אונז אז **אונזערע מצוות זענען מיט סאך א גרעסערן הידור ווי אמאל.** עס איז דאך פשוט אז דער זעלבער באשעפער וואלט אין די פריערדיגע דורות אויך געקענט צושטעלן די אלע הידורים ווי מיר האבן היינט, אבער דאך האט ער דאס נישט געטון, נאר ער האט עס ספעציעל געלאזט פאר די לעצטע דורות ווען די השגות זענען אזוי דראסטיש געפאלן קעגן די פריערדיגע.

### הידורים אין גשמיות

לויט דעם וואס מיר האבן מסביר געווען אין דעם פריערדיגן גליון איז דער הסבר זייער פשוט. טאקע דערפאר, ווייל די היינטיגע דורות זענען אזוי געפאלן קעגן די אמאליגע, האט אונז דער אויבערשטער געגעבן די מעגליכקייט מקיים צו זיין זיינע מצוות מיט גרעסערע הידורים, כדי די מענטשן זאלן זיך אפשר אזוי מיט עפעס אנקלעבן אין דעם שורש המצוה וואס לייכט אויבן אין הימל.

לאמיר דאס אביסל צעגעמען:

אין דער היינטיגער וועלט איז נישט נאר הידור פון מצוות אזוי געשטיגן, און **די וועלט היינט צוטאגס איז אויך מורא'דיג געשטיגן אין דעם הידור פון גשמיות.** א בליק אין די געשעפטן וועט אונז איבערציילן אין וואספארא הידור אין גשמיות מיר לעבן: א שפע פון נאשערייען און זיסווארג מיט אלע קאלירן און טעמים, כמעט ווי די מן אין מדבר... יעדע סענווארג קען האבן אלע מיני טעמים אויף

**היינטיגע צייטן איז א איד מקיים יעדע מצוה סאך מער בהידור ווי אין די פריערדיגע דורות. די וועלט ווערט מער און מער פארגעשריטן, און זאכן וואס זענען פאר עטליכע יארצענדליג צוריק געווען כמעט אוממעגליך קומט היינט אן כלאחר יד.**

**לאמיר פרעגן די זקנים שבדור וואס זייער נאש איז געווען, און איז זיי בכלל איינגעפאלן מיטצונעמען א נאש אין חדר?! ווער רעדט נאך אפאר דורות פריער, איז דאך בכלל נאכנישט געווען אזא זאך ווי נאש און זיסקייטן.**

דער וועלט, פון כינע ביז בראזיל, שארף, זויער, זיס... זאג נאר וועלכע מאלצייט דו ווילסט און דו באקומסט עס ביז א מינוט צוויי, גרייט אין טעלער, צוגעלייגט אין דער זייט א גאנצן שלחן עורך פון אלערליי פארשפייז און צושפייז.

משא"כ אין די פריערדיגע דורות איז די גשמיות געווען זייער איינגעצוימט. לאמיר פרעגן די זקנים שבדור וואס זייער נאש איז געווען, און איז זיי בכלל איינגעפאלן מיטצונעמען א נאש אין חדר?! ווער רעדט נאך אפאר דורות פריער, איז דאך בכלל נאכנישט געווען אזא זאך ווי נאש און זיסקייטן. און א קינד וואס האט געלערנט פלייסיג האט באקומען פון זיין מלמד א קליין פישל... און א טייטל איז געווען די געשמאקסטע זיסווארג פאר א קינד.

## אמאל איז געווען ווייניגער גשמיות מיט מער כוונה

יעצט, לאמיר נאר אין מינוט אריינטראכטן: ווען דער הייליגער בארדיטשובער רב, למשל, האט מקיים געווען די מצוה פון 'ולקחתם לכם', האט ער **קלאר און דייטליך געזען** ווי מיט זיינע נענועים אויף דעם אתרוג **גייט ער יעצט ליכטיג מאכן מסוף העולם ועד סופו** און זיין הארץ איז אין רגע צעקאכט געווארן פאר התרגשות אז מיט דער גשמיות'דיגער פרי לייכטן אויף אזעלכע געוואלדיגע אורות אין אלע וועלטן. ממילא איז פשוט אז אויב האט ער געמוזט נעמען אן אתרוג וואס איז נישט געווען אזוי מהודר, האט דאס ביי אים גארנישט פארמינערט פון דער התלהבות און השתוקקות ביים מצוה.

ווען דער הייליגער בארדיטשובער האט געזען אן אתרוג, האט ער דאך געזען פאר זיינע אויגן א שטיק 'אור אלוקי', דער אתרוג איז ביי אים געווען נישט מער ווי א חפצא של מצוה וואס קניפט אן דעם איד מיט'ן בורא כל עולמים, און דאס איז געווען פאר אים בלויז דער מיטל מיט וועלכן מען גייט יעצט אויפלייכטן אלע וועלטן.

און נישט נאר די צדיקים גמורים האבן דאס אזוי באטראכט, נאר טאקע ווייל די גשמיות'דיגע וועלט איז נישט געווען אזוי איינגעטונקען אין אזא ברייטן הידור, האט אפילו יעדער פשוט'ער איד געהאט סאך א שטארקערע געפיל צו דעם שורש המצוה וואס באהעפט אים צום אויבערשטן, און א שוואכערער אתרוג האט נישט צופיל אויסגעמאכט ביי אים, ווייל **דאס איז דאך א מצוה און דער אתרוג איז נישט מער ווי דער 'אמצעי'**, דער מיטל וואס דורכדעם קענען מיר, מענטשן אויף דער וועלט, זוכה זיין זיך צו באהעפטן צום שורש העליון און אויפלייכטן אן אור אלוקי אין אלע עולמות.

## זה לעומת זה: אסאך גשמיות, אסאך הידורים

היינט לעבן מיר אבער אין א וועלט וואס די גשמיות איז מיט א גרויסער ברייטקייט, און לעומת זה **קענען נישט אונזערע רוחניות'דיגע השגות זיך פארגלייכן צו די פריערדיגע דורות**. אויב וועט איינער דארפן נעמען א שוואכערן אתרוג וואס האט א בלאט-פלעק דא אדער א ברוין פינטל דארט, וועט דאס אים שטארק שטערן ביים קיום המצוה און ער וועט נישט פילן אזוי מקושר צו דער מצוה, ממילא וועט עס נישט האבן די ריכטיגע השפעה אויף אים. ער כאפט דאך נישט די מציאות אז דער אתרוג האט א העכערע משמעות פון 'וצונו', און אז דער אויבערשטער וויל אונז באהעפטן מיט אים דורך דער מצוה.

דער מושג פון 'לעורר ליבי לאהבתך' איז דאך אזוי דראסטיש געפאלן, און וויפיל דארף א מענטש זיך אנשטרענגען צו ערוועקן אין זיין הארץ אז יעדע מצוה איז באמת סאך, סאך טיפער און ברייטער ווי די עצם גשמיות'דיגע פעולה.

אוודאי איז אמת אז סיי וויאזוי א איד טוט נאך א מצוה, אזוי לאנג ווי ער האט עס מקיים געווען און ס'איז געווען אויסגעהאלטן על פי הלכה, האט ער זיכער געטון אויבן אין הימל א מורא'דיגע זאך, ווייל א מצוה אפילו אויב עס איז נישט בתכלית השלימות איז עס נאך אלץ אזוי הייליג און טייער אז קיין בשר ודם קען זיך ניטאמאל פארשטעלן דעם ווערד דערפון. אבער דער מענטש אליין איז דאך סוף כל סוף אזוי ווייט פון נתעורר צו ווערן אז ער ווערט דא בעצם יעצט מחובר מיט'ן מלך העולם.

דערפאר האט דער אויבערשטער ברוב רחמיו וחסדיו אונז געגעבן 'זה לעומת זה', אז די מצוות היינטיגע צייטן זאלן אויך זיין סאך מער מהודר'דיג, אזוי אז **אפילו א מענטש וואס איז איינגעזונקען אין גשמיות זאל אויך כאפן א געוואלדיגע התפעלות** פון דער טייערקייט פון דער מצוה, און אפשר אזוי וועט דער מענטש ווי נישט ווי נתעורר ווערן אין זיין הארץ אז דאס דערנענטערט אים צום מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און אזוי וועט ער זוכה זיין באפס מה צו שפירן אביסל א העכערן תענוג רוחני וואס ווערט נשפע פון אויבן דורך דער מצוה.

## וויאזוי קענען מיר שפירן א טעם היינטיגע צייטן?

עס איז דעריבער געשאפן געווארן א מאדנע מציאות היינטיגע צייטן, אז אויב איינער איז טאקע נישט קיין גרויסער בעל השגה שפירט ער זיך גאנץ צופרידן מיט זיך. ער קויפט דאך דעם שענסטן אתרוג, ער טוט אן די מהודר'דיגסטע תפילין, ער לאזט זיך קאסטן פאר א שיינעם טלית-בייטל, זיין ציצית איז הערליך שיין ווייס אן קיין פלעק, מיט שיינע געקנופטע ציצית עבודת יד, ער צינדט חנוכה ליכט אין א הערליכער זילבערנער מנורה מיט קנויטן וואס ער האט אליין געמאכט. ער איז מקיים דעם זה קלי ואנוהו, און **ער שפירט אז ער איז אויף א גוטן פלאץ ברוחניות.**

ווידער אויב איינער איז יא עפעס א בעל השגה, באגנוגנט ער זיך נישט נאר מיט די הלכה'דיגע הידורים און מיט דעם שיינעם חיצוניות'דיגן אויסקוק. יא, עס איז טאקע זה קלי ואנוהו, אבער **דער עיקר צו וואס ער לעכצט איז דאך נאך קרבת אלוקים** ער וויל אז די מצוה זאל שיינען און לייכטן מיט א פנימיות, און ער קען זיך שפירן זייער צעבראכן אז ער איז נישט זוכה צו פילן דעם אור המצוה מיט אלע רמ"ח איברים אזוויי די אמאליגע צדיקים און בעלי השגה.

לאמיר זיך דעריבער אביסל מתבונן זיין וויאזוי מען קען שפירן א טיפקייט און א טעם אין א מצוה, אפילו אין די היינטיגע דורות ווען די השגות זענען אזוי שוואך און מיר לעבן ארומגענומען מיט א מציאות וואס איז איינגעזונקען אין גשמיות פון אלע זייטן

ג

# זוכה זיין צום אור המצוה

## די בענקעניש אליין ברענגט דעם אור המצוה

די ערשטע זאך דארף מען געדענקען אז אפילו אויב איינער פילט ביי זיך אז ער האט נישט קיין טיפע השגה אין א מצוה, **פונדעסטוועגן קען ער דאך משתוקק זיין** צו האבן א העכערן טעם אין א מצוה. דאס אליין האט א גרויסע חשיבות ביים אויבערשטן, ווייל דאס איז דער הויפט תכלית פארוואס א איד איז געקומען אויף דער וועלט, צו ערוועקן אין זיך א השתוקקות צו ווערן נאנט צום באשעפער, ווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט באריכות.

דער הייליגער קדושת לוי (ויצא ד"ה אנכי) איז מסביר באריכות אז דער וואס דינט דעם אויבערשטן מיט א גלוסטעניש און כיסופין מקיים צו זיין דעם רצון הבורא, האט סאך א גרעסערע חשיבות ווי דער וואס טוט בלויז די מצוה. ווייל דער וואס טוט פשוט נאר די עצם מעשה המצוה, ווי למשל ער לייגט תפילין, האט נאר די מצוה אליין, אבער **דער וואס טוט א מצוה מיט א התלהבות און א בענקעניש צו שאפן א נחת רוח פאר'ן בורא עולם, איז עס כאילו ער וואלט מקיים געווען אלע מצוות אויפאמאל.** ער וואלט דאך גע'חלש'ט צו קענען טון אלע מצוות, ממילא הייסט עס "חישב לעשות מצוה ונאנס לא עשאה", ער האט אינזינען געהאט צו טון א מצוה אבער איז געווען אן אונס און האט עס נישט געקענט מקיים זיין, דעמאלט איז עס "מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה" און עס ווערט גערעכנט פונקט ווי ווען ער וואלט עס געטון [זע תוספת נופך ב'].

לענינינו קען מען צושטעלן דעם קדושת לוי, אז היינטיגע צייטן, אפילו עס פעלט אונז טאקע די הייליגע כוונות און געהויבענע השגות פון אמאליגע חסידים ואנשי מעשה, שוין אפגערעדט פון גרויסע צדיקים, איז אבער פון דער אנדערער זייט אונזער השתוקקות סאך גרעסער. ווייל אויב איינער איז א בר דעת, שפירט ער אז ער וואלט געדארפט זיין סאך נענטער צום אויבערשטן און טון די מצוה מיט סאך א גרעסערער השגה. ממילא, די השתוקקות וואס א איד בענקט און גייט אויס, הלוואי זאל ער האבן די השגות און פארשטיין דעם אמת'ן באדייט פון אן אור המצוה – דאס אליין קען אים אריינברענגען אין דעם תענוג רוחני פון דעם אור המצוה (ערבי נחל פרשת בחוקותי דרוש ב'; מאור ושמש פרשת פנחס ד"ה א"י וידבר; ישמח משה פרשת בראשית ד"ה ונקדים עוד, פרשת עקב ד"ה ועל דרך המוסר).

## מיט אמונה איז מען זוכה צו קומען צום טעם

דער הייליגער בעל התניא זאגט (פרק ל"ג) א מורא'דיג לשון. ער ברענגט די גמרא (מכות כד.) אז דער באשעפער האט געגעבן זעקס הונדערט און דרייצן מצוות פאר די אידן, און די גמרא פירט אויס: "בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר (חבקוק ב, ד) צדיק באמונתו יחיה" – אז חבקוק הנביא האט מגלה געווען אז אלע תרי"ג מצוות שטייען בעצם אויף איין יסוד און דאס איז דער יסוד פון אמונה, שרייבט דערויף דער תניא אז מיט אמונה אליין קען מען מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות

"דורך אמונה אליין," זאגט דער הייליגער תניא, "ווערט מען מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות. ווייל אז דאס הארץ פרייט זיך מיט דער אמונה אינעם איין איינציגן באשעפער, מיט דער גרעסטער שמחה, כאילו עס וואלט נישט געווען אויף אים נאר די איינע מצוה, און דאס אליין איז זיין גאנצער תכלית פון זיין בריאה און דאס באשאפן פון אלע עולמות, דעמאלט מיט דעם כוח און חיות פון זיין נפש מיט דער גרויסער שמחה, ווערט זיין נפש נתעלה ווערן אלעס איבער וואס האלט אים אפ פון אינעווייניג און פונדרויסן צו קענען מקיים זיין די תרי"ג מצוות."

אין אנדערע ווערטער, דאס אז מען פילט נישט גענוג די חיות אין א מצוה און מען שפירט נישט די געוואלדיגע ליכטיגקייט, קומט פון דעם וואס מען האט נישט גענוג געארבעט אויף אמונה צו זיין **איבערצייגט כל כולו אז די תרי"ג מצוות איז דער איינציגער ציל פון א איד אויף דער וועלט**, און ווייל מען פרייט זיך נישט גענוג דערמיט. אויב א איד וואלט געווען שטענדיג אנגעפילט מיט שמחה אז ער האט א ציל און א מיסיע אויף דער וועלט מקיים צו זיין דעם אויבערשטנ'ס מצוות, וואלט ער געקענט איבערגעקומען אלעס וואס האלט אים אפ פון אויספירן די מצוה בשלימות [זע תוספת נופך ג'].

אויב א איד טרעפט זיך ארומגענומען מיט שווערע טירדות און נסיונות פון אלע זייטן און ער שפירט נישט דעם אויבערשטן, דארף ער זיך באפעסטיגן מיט א פעלזן-פעסטער אמונה אז יעדע מצוה טוט אויף גדולות ונצורות, **אומשאצבארע זאכן וואס מיר קענען זיך גארנישט פארשטעלן מיט אונזערע באגרענעצטע השגות**. ווען מען לעבט מיט דער ריינער אמונה אז דער איינציגער ציל פון אלע עולמות און אלע ביליאנען ברואים איז נאר אז עס זאל קומען א אידיש קינד און זאגן "אשר קדשנו במצוותיו וצוונו להניח תפילין", דעמאלט וועט דאס אים געבן א געוואלדיגן חיזוק און דאס וועט אים אויפלעבן זיין נפש מיט'ן אור המצוה, אפילו אויב ער קען נישט באמת משיג זיין מיט א טיפקייט וואס דאס טוט אלץ אויף.

## די הויפט כוונה איז איין זאך: הארץ

בעיקר דארף מען געדענקען אז 'רחמנא ליבא בעי'. דער באשעפער וויל אז דער איד זאל טון די מצוה מיט'ן גאנצן הארץ און וויסן די גרויסע מעלה וואס זיינע מצוות האבן און די מורא'דיגע שעשועים וואס זיי זענען מעורר למעלה. אפילו ער האט נישט די גרעסטע השגות און אפילו ער איז געווען אזוי פארנומען מיט זייטיגע טירדות און שוועריגקייטן אז ער האט נישט געהאט דעם קאפ און מוח און די צייט זיך צו קענען גרייטן ווי געהעריג, זאל ער חלילה נישט מיינען אז זיין מצוה האט שוין נישט קיין ווערד ביים באשעפער (ליקוטים יקרים להמגיד הגדול זי"ע אות קנ"ה; באר מים חיים פרשת משפטים ד"ה ואם אמור; תפארת שלמה לשביעי של פסח ד"ה וה' הולך).

אמאל איז דווקא פארקערט, און אויב א בעל השגה גייט צו צו א מצוה נאך לאנגע און גרויסארטיגע הכנות **קען זיך מאכן אז ער פארגעסט פון דעם עיקר**, אז מיר זענען דא צו טון דעם רצון ה'. ווי עס איז באקאנט דאס ווערטל, אז א איד האט געטראפן זיין

> עס איז געשאפן געווארן א מציאות היינטיגע צייטן, אז אויב איינער איז נישט קיין גרויסער בעל השגה שפירט ער זיך דאך צופרידן מיט זיך. ער קויפט דעם שענסטן אתרוג, ער טוט אן די מהודר'דיגסטע תפילין און ער לאזט זיך קאסטן פאר א שיינעם טלית-בייטל.

חבר חול המועד פסח און ער פרעגט אים, "נו, וויאזוי איז געלונגען דער כזית מצה?" הייבט אים דער חבר אן אויסצורעכענען א גאנצע ליסטע מיט כוונות וואס ער האט אינזין געהאט ביים עסן דעם כזית מצה. דערנאך פרעגט ער אים צוריק, "און ווי אזוי איז געווען ביי דיר?" ענטפערט אים דער ערשטער, "איך בין נישט קיין גרויסער בעל השגה... איך האב פשוט אינזין געהאט אז דער אויבערשטער האט געהייסן עסן מצה." דער חבר כאפט זיך ביים קאפ און שרייט אויס, **"אוי וויי, פון דעם האב איך אינגאנצן פארגעסן..."**

דער עיקר תכלית פון די אלע הכנות און התבוננות ביי א מצוה איז נאר מיט איין ציל, אויפצואוועקן דאס הארץ, אז מען זאל זיך פילן בטל ומבוטל צום מלך מלכי המלכים און שפירן אז מען האט א געוואלדיגע זכיה מיט'ן טון דעם רצון ה'. **דאס קען יעדער איינער באווייזן, מיט א משהו מחשבה** און מיט'ן עפענען דאס הארץ אריינצולאזן דעם באשעפער ביי זיך.

דערפאר, אז מען פילט אז מען שפירט נישט קיין אמת'ן תענוג רוחני ביים מקיים זיין די מצוות וואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן, זאל מען וויסן אז דווקא פון דארט דארף מען אויסשרייען צום אויבערשטן און זאגן איינמאל און נאכאמאל: **"צמאה לך נפשי כמה לך בשרי'... מיין גאנצער ציל איז נאר צו שפירן א תענוג אין רוחניות, איך וויל שפירן א טעם אין א מצוה!"** און דאס אליין וועט אויפוועקן די השגות צו קענען טון די מצוה מיט'ן גאנצן ברען און חשק.

מיר זעען פארשידענע מעשיות פון צדיקים וקדושים וועלכע האבן מורא'דיג מחשיב געווען די מצוות פון פשוט'ע אידן, און האבן שטענדיג אויסגערימט וואספארא גרויסער רעש עס טוט זיך אפ אין הימל פון די פשוטי עם וואס טוען די מצוות מיט דער גרעסטער תמימות. לויט ווי מיר שמועסן איז עס ממש פארשטענדליך, ווייל כאטש די פשוט'ע אידן האבן נישט די גרעסטע השגות, אבער פונדעסטוועגן, וויבאלד זיי טוען די מצוה מיט'ן גאנצן הארץ, זענען זיי מעורר אויבן אין הימל די גרעסטע און שענסטע אורות [זע תוספות נופך ד'].

## אונזער קשר: דוואקא ווען מיר זענען מקיים די מצוות

מען קען דאס מסביר זיין מיט א משל: עס איז אמאל געווען א מענטש וואס האט געהאט א בן יחיד ווען ער האט

## תוספת נופך

**א]** זע דאס הייליגע לשון פון דעם 'באר מים חיים' (פרשת תרומה ד"ה גם יתבאר הכתוב), וזלשה"ק:

"**כִּי אֵין הקב"ה חָפֵץ כִּי אִם בְּאִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא לִרְאוֹת נִדְבוֹת יַשְׁרוּת לְבָבֵנוּ אִם אָנוּ רוֹצִים לְעָבְדוֹ יִתְבָּרֵךְ בֶּאֱמֶת וּבְאַהֲבָה וּלְהִתְקָרֵב וּלְהִתְדַּבֵּק אֵלָיו בְּכָל כּוֹחֵנוּ וּלְהַמְשִׁיךְ אוֹר קְדֻשָּׁתוֹ אֵלֵינוּ בִּכְדֵי שֶׁנִּהְיֶה בּוֹ דְבוּקִים תָּמִיד, וְאִתְעָרוּתָא מֵאִתָּנוּ אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם בִּגְדוֹלֵי הַקַּרְקַע שֶׁאֲנַחְנוּ שׁוֹכְנֵי בָתֵּי חֹמֶר, וְאָמְנָם מִיָּד שֶׁאָנוּ עוֹשִׂים מִצְוֹתָיו בְּאֵלֶּה הַדְּבָרִים שֶׁלְּמַטָּה בְּאַהֲבָה בִּכְדֵי לְעָבְדוֹ, הֲרֵי תֵּכֶף מְעוֹרֵר הוּא לְמוּל כָּל מִצְוָה וּמִצְוָה אוֹרוֹת גְּדוֹלוֹת וְנִפְלָאוֹת אוֹרוֹת הָרוּחָנִים זַכִּים וּבְהִירִים אֲשֶׁר בִּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם הַמְכֻוָּנִים נֶגֶד כָּל מִצְוָה, וְעַל יְדֵי זֶה הוּא בָּא בְּכָל הָאוֹרוֹת הָאֵלּוּ אֵלֵינוּ וְשׁוֹכֵן בְּתוֹכֵנוּ וּמוֹפִיעַ עָלֵינוּ אוֹרוֹ שִׁפְעוֹ וְחַיּוּתוֹ בְּכָל הַטּוּב וְהַמֵּיטִיב וְכָל מִצְוָה וּמִצְוָה נַעֲשֶׂה כְּמוֹ כִּסֵּא לְהַשְׁרָאַת קְדֻשָּׁתוֹ יִתְבָּרֵךְ...**

"וְאָכֵן כָּל עָרוּם יַעֲשֶׂה בְדַעַת כִּי בְּזָכְרוֹ אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר בַּעֲשׂוֹתוֹ אַחַת מִמִּצְוֹת ה' הוּא עוֹשֶׂה כִּסֵּא וּשְׁרַפְרַף לְהַשְׁרָאַת שְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרֵךְ בָּאָרֶץ הַלָּזוּ מִיָּד **יֶחֱרַד לְבָבוֹ בְּאֵימָה וּפַחַד וְרֶתֶת וָזִיעַ לוֹמַר כִּי מָה אֶעֱשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה אֲנִי הַמֵּכִין כִּסֵּא לְמוֹשַׁב הַמֶּלֶךְ וּלְהַמְשִׁיכוֹ יִתְבָּרֵךְ עַד הֵנָּה,** וּמִתְרַעֵשׁ בְּכָל כֹּחוֹ וְלִבּוֹ וּמַחֲשַׁבְתּוֹ וְעוֹשֶׂה בְּכָל כֹּחַ יְכָלְתּוֹ וַהֲבָנָתוֹ בְּכָל רְמַ"ח אֵבָרָיו וְגִידָיו, וְהוּא וְכָל חַיּוּתוֹ מְצֻמָּדִים וּקְשׁוּרִים שָׁם בְּחַבְלֵי עֲבוֹתוֹת אַהֲבָה, בְּחִיל וּרְעָדָה לְהָכִין הַכִּסֵּא לְמֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב"ה, **וְרוֹאֶה שֶׁיִּהְיֶה הַמִּצְוָה נַעֲשָׂה בְּכָל מִינֵי הִדּוּר וְיִפּוּי וּבְכָל הַשְּׁלֵמוּת לֹא יֶחְסַר דָּבָר** וּבְטָהֳרָה וּנְקִיּוּת וּפְרִישׁוּת וּזְרִיזוּת רַב וְחֵשֶׁק וְשִׂמְחָה וְגִיל וּרְעָדָה וּבְמוֹעֲדוֹ בִּזְמַנּוֹ כְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל. **וּלְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא, לְפִי עֵרֶךְ הַהֲכָנָה וַאֲמִתִּיּוֹת לְבָבוֹ אֶל הַמִּצְוָה כֵּן הֶעָנָן יְכַסֶּנּוּ מִלְמַעְלָה בְּאוֹרוֹת הָרוּחָנִים פְּנִימִים וּמַקִּיפִים כְּדַת הַמֶּלֶךְ מַלְכּוֹ שֶׁל עוֹלָם".**

(ועי"ע בענין זה בספה"ק 'תפארת שלמה' לחנוכה ד"ה כי עמך.)

**ב]** זע דאס לשון פון דעם הייליגן קדושת לוי, וזלשה"ק:

"הָעִנְיָן לְמָשָׁל לְפִי הַנִּרְאֶה, יֵשׁ בַּיִת לָדוּר בּוֹ וְאָדָם הוּא מְלֻבָּשׁ בִּבְגָדִים וְהַבַּיִת הוּא הֲכָנָה אֶל הָאָדָם, כְּמוֹ כֵן **הַשְׁרָאַת קְדֻשַּׁת הַמִּצְוָה צְרִיכָה שֶׁיְּהֵא לָהּ בַּיִת שֶׁתִּמְצָא מָקוֹם לִשְׁרוֹת בּוֹ, וְהַבַּיִת הוּא מַה שֶּׁאָדָם מֵכִין עַצְמוֹ וְלִבּוֹ מְכֻוָּן אֶל הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מִצְוָה קֹדֶם שֶׁעֲשָׂאָהּ, וַהֲכָנָה זוֹ הוּא בַּיִת לָדוּר בּוֹ קְדֻשַּׁת הַמִּצְוָה.** וְהִנֵּה לְפִי גָּדְלָם וְקַטְנוּתָם כָּךְ הוּא הַקַּבָּלָה. וְזֶה שֶׁאָמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם (תהילים פד, ג) נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת ה' לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל קֵל חָי. הַמְכֻוָּן הוּא כָּךְ, **הַכּוֹסֵף וּכְלוֹת נֶפֶשׁ שֶׁלִּי לְךָ, נַעֲשֶׂה לַחֲצֵרוֹת וּבַיִת לְךָ הַשֵּׁם.** וְאָמַר אַחַר כָּךְ לִבִּי וּבְשָׂרִי וְכוּ', שֶׁבָּא לִשְׁרוֹת בּוֹ מֵאַחַר שֶׁעָשִׂיתִי לוֹ חֲצֵרוֹת עִם הַכּוֹסֵף שֶׁלִּי. וְהִנֵּה יֵשׁ עוֹד בְּהַכּוֹסֵף מַעֲלָה יְתֵרָה, כִּי בְּמַעֲשֶׂה אֵינוֹ רַק מַה שֶּׁעוֹשֶׂה, דֶּרֶךְ מָשָׁל תְּפִלִּין כְּשֶׁמַּנִּיחַ אָז אֵין בְּיָדוֹ אֶלָּא מִצְוַת תְּפִלִּין, **אֲבָל הַכּוֹסֵף וְהִתְלַהֲבוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ לְהַמִּצְוָה כְּדֵי לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא הוּא כּוֹלֵל כָּל הַמִּצְוֹת וּמַעֲלָה עָלָיו כְּאִלּוּ עֲשָׂאָן לְכָל הַמִּצְוֹת** כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זַ"ל (קִדּוּשִׁין מ.) חָשַׁב לַעֲשׂוֹת וְנֶאֱנַס כו'".

**ג]** זע דאס הייליגע לשון פון דעם 'בעל התניא', וזלשה"ק:

"וְהִנֵּה כְּשֶׁיַּעֲמִיק בָּזֶה הַרְבֵּה, **יִשְׂמַח לִבּוֹ וְתָגֵל נַפְשׁוֹ אַף גִּילַת וְרַנֵּן בְּכָל לֵב וָנֶפֶשׁ וּמְאֹד בֶּאֱמוּנָה זוֹ כִּי רַבָּה הִיא, כִּי הִיא קִרְבַת אֱלֹקִים מַמָּשׁ, וְזֶה כָּל הָאָדָם וְתַכְלִית בְּרִיאָתוֹ וּבְרִיאַת כָּל הָעוֹלָמוֹת, עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים,** לִהְיוֹת לוֹ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים, כְּמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר לְקַמָּן בַּאֲרִיכוּת... וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: "תַּרְיָ"ג מִצְוֹת נִתְּנוּ לְיִשְׂרָאֵל. בָּא חֲבַקּוּק וְהֶעֱמִידָן עַל אַחַת, שֶׁנֶּאֱמַר: 'וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה'". כְּלוֹמַר, כְּאִלּוּ אֵינָהּ רַק מִצְוָה אַחַת, הִיא הָאֱמוּנָה לְבַדָּהּ. **כִּי עַל יְדֵי הָאֱמוּנָה לְבַדָּהּ יָבֹא לְקִיּוּם כָּל הַתַּרְיָ"ג מִצְוֹת. דְּהַיְנוּ כְּשֶׁיִּהְיֶה לִבּוֹ שָׂשׂ וְשָׂמֵחַ בֶּאֱמוּנָתוֹ בְּיִחוּד ה' בְּתַכְלִית הַשִּׂמְחָה, כְּאִלּוּ לֹא הָיְתָה עָלָיו רַק מִצְוָה זוֹ לְבַדָּהּ וְהִיא לְבַדָּהּ תַּכְלִית בְּרִיאָתוֹ וּבְרִיאַת כָּל הָעוֹלָמוֹת, הֲרֵי בְּכֹחַ וְחִיּוּת נַפְשׁוֹ בְּשִׂמְחָה רַבָּה זוֹ תִּתְעַלֶּה נַפְשׁוֹ לְמַעְלָה מַעְלָה עַל כָּל הַמּוֹנְעִים קִיּוּם כָּל הַתַּרְיַ"ג מִצְוֹת מִבַּיִת וּמִחוּץ".**

**ד]** זע דאס מורא'דיגע לשון פון דעם הייליגן 'ישמח משה' (פרשת ויצא ד"ה וידר יעקב), וזלשה"ק:

"וְהִנֵּה כְּבָר בֵּאַרְתִּי הַטַּעַם עַל אָמְרָם גָּדוֹל הַמְצֻוֶּה וְעוֹשֶׂה מִמִּי שֶׁאֵינוֹ מְצֻוֶּה וְעוֹשֶׂה, דְּהִנֵּה בְּכָל מִצְוָה יֵשׁ כַּוָּנוֹת יְדוּעִים לִיחִידֵי סְגֻלָּה בְּכָל דּוֹר, וְיוֹתֵר מִזֶּה אֲשֶׁר לֹא נוֹדְעוּ רַק לְרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי וַחֲבֵרָיו, וְיוֹתֵר מִזֶּה אֲשֶׁר הֵמָּה לֹא נוֹדְעוּ רַק לְמֹשֶׁה בְּחִיר ה', וְיוֹתֵר עוֹד מֵהֵמָּה אֲשֶׁר עִקְּבוֹתֵיהֶם לֹא נוֹדְעוּ עוֹד לְשׁוּם נִבְרָא, רַק הַמִּצְוָה יִת' יוֹדֵעַ מְקוֹמָהּ. **וְהִנֵּה הָעוֹשֶׂה כַּאֲשֶׁר צִוָּה הוּא יִת', אִם כֵּן מְתַקֵּן בְּשָׁרְשׁוֹ אַף מַה שֶּׁנֶּעְלַם מִכָּל נִבְרָא, וְהַיְנוּ אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְהָבֵן. אֲבָל אִם אֵינוֹ עוֹשֶׂה רַק עַל פִּי שֵׂכֶל, אִם כֵּן הֲרֵי אֵינוֹ יָכוֹל לְתַקֵּן יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁהַשֵּׂכֶל מַגִּיעַ.** וְעוֹד דְּכָל דָּבָר חוֹזֵר לְשָׁרְשׁוֹ, אִם כֵּן אִם שָׁרְשׁוֹ מִן הַשֵּׂכֶל, הֲרֵי אֵינוֹ עוֹלֶה יוֹתֵר גָּבוֹהַּ מִן הַשֵּׂכֶל, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אִם שָׁרְשׁוֹ מִצִּיוּוּי יִת"ש. **וְהַיְנוּ גָּדוֹל הַמְצֻוֶּה וְעוֹשֶׂה, שֶׁגָּדוֹל יוֹתֵר וּמַגִּיעַ יוֹתֵר,** וְהָבֵן כִּי הוּא נִפְלָא בס"ד".

(זע אויך ממש די זעלבע זאך אין ספר הקדוש 'תפארת שלמה' פרשת בראשית ד"ה נעשה אדם.)

> **אמאל איז דווקא פארקערט, אויב א בעל השגה גייט צו צו א מצוה נאך לאנגע און גרויסארטיגע הכנות, קען זיך מאכן אז ער פארגעסט פון דעם עיקר אז מיר זענען דא צו טון דעם רצון ה'.**

מורא'דיג ליב געהאט און פארברענגט מיט אים שטענדיג. איינמאל האט זיך געמאכט אז דער מענטש האט געמוזט אוועקפארן אין די מרחקים און זיין אפגעזונדערט פונדערהיים, און ווי פארשטענדליך האט ער זיך מורא'דיג געבענקט צו זיין באליבט קינד און זיך נישט געקענט בארואיגן פון גרויס בענקעניש.

וויסנדיג אז עס וועט נאך גדויערן א ווײלע ביז ער וועט זיך קענען אומקערן אהיים, איז אים איינגעפאלן א פלאן. ער האט אויסגעמאלן אויף א פאפיר א בילד פון זיין קינד, און ער האט שטענדיג געהאלטן דאס בילד פארנט פון זיך, און מיט דעם האט ער געשפירט ווי דאס קינד איז מיט אים.

אבער דער מענטש איז דאך פארט נישט געווען קיין געלונגענער מעלער און דאס בילד איז בכלל נישט געווען גוט נאכגעמאלן. האט ער באשלאסן אז ער וועט דינגען א גרויסן מעלער וועלכער איז א געוואלדיגער קונסטלער, ער קען אפמאלן א בילד פון א מענטש גענוי אויף דער האר, אפילו אן דעם וואס ער זאל אליין האבן געזען דעם מענטש אין זיין לעבן.

אומר ועושה, דער מענטש האט טאקע באשטעלט אזא בילד, און דאס האט אויסגעזען ממש ווי זיין איינציג קינד. ער האט געשטעלט דאס בילד פארנט פון זיך, און דאס האט אים שטענדיג דערמאנט פון זיין זון.

עס איז אריבער א ווײלע, און דער מענטש איז ווייטער געווארן צעבראכן. ער האט טאקע דאס בילד פון זיין זון, אבער דאס איז דאך פארט נישט זיין זון און מיט דעם בילד קען ער נישט שמועסן און פארברענגען. איז אים איינגעפאלן א נייעם געדאנק. ער האט געשיקט א בריוו צו זיין זון, און געבעטן דעם זון אז **ער אליין זאל מאלן א בילד פון זיך.** דער בן יחיד האט באקומען דעם בריוו, און האט טאקע געפאלגט דעם טאטן און געשיקט א בילד וואס ער האט אליין געמאלן פון זיך.

זעלבסטפארשטענדליך אז דאס איז געווען גאר א שוואך בילד, ווייל דער זון איז בכלל נישט געווען קיין גרויסער מייסטער, און מ'קען זאגן אז זיין צורה איז בכלל נישט געווען ניכר אין דעם בילד, אבער פונדעסטוועגן האט דאס געשאפן א געוואלדיגע שמחה ביים טאטן, ווייל דאס האט דאך דער זון אליין געמאלן, דאס איז זיין אייגן בילד. דאס בילד האט אים געמאכט פילן א קשר מיט זיין זון וואס אפילו דער גרעסטער מייסטער האט נישט געקענט באווייזן.

## דער אויבערשטער האט א תענוג פון אונזער עבודה

דער אויבערשטער האט אונז געשאנקען די געוואלדיגע מתנה פון תרי"ג מצוות, וואס מיט דעם קענען מיר שפירן עטוואס א נאנטשאפט צום בורא כל עולמים. ליידער האבן מיר נישט שטענדיג די גרעסטע השגות, און דערפאר האט דער אויבערשטער אראפגעשיקט אויף דער וועלט גרויסע צדיקים וקדושים וואס האבן אונז אויסגעטרעטן א וועג וויאזוי צו טון א מצוה מיט אלע פינקטליכע פרטים אזוי אז ס'זאל טאקע האבן די ריכטיגע השפעה און דערנענטערן אונזער גשמיות'דיגן גוף אז עס זאל שפירן עפעס העכערס.

אבער **היינטיגע צייטן, כאטש מען טוט די מצוה מיט אלע פרטים און דקדוקים, שפירט מען נאך אלץ נישט די דערהויבנקייט פון דער מצוה,** און מען איז נישט זוכה טועם צו זיין פון דעם תענוג רוחני וואס ליגט באהאלטן אין דעם אור המצוה. אבער פארט, וויבאלד אז מיר אידישע קינדער זענען מקיים די מצוה פון אונזער טיף הארץ, **האט עס די גרעסטע חשיבות ביים בורא כל עולמים,** צוליב וואס ערווארט אויף 'אונזער' עבודה.

# חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **ווילאנג מיר זענען אויף דער וועלט, האבן מיר נישט קיין השגה וואס אונזערע מצוות טוען אויף אין די עולמות עליונים.**
- מיר קענען נישט טון די עבודה פון אמאליגע צדיקים און בעלי מדריגה, אבער מיר קענען פרובירן צו גיין אין זייערע דרכים און זיך גרייטן אויף א מצוה לויט זייערע וועגן.
- **אז מען פרובירט צו טון א מצוה מיט אלע הכנות און מיט אלע פרטים, אזוי ווי אונזערע רבי"ס האבן אונז געלערנט, באלייכט מען דעם 'אור המצוה' מיט א שלימות.**
- היינטיגע צייטן קענען מיר מקיים זיין א מצוה מיט אסאך הידורים וואס זענען נישט געווען אמאל.
- **דער הידור במצוות אין דעם היינטיגן דור איז זה לעומת זה, קעגן די פיל גשמיות וואס איז היינט דא צו באקומען.**
- אמאל האט מען געהאט סאך א גרעסערע השגה אין א מצוה, אבער היינט קענען מיר כאטש האבן די הלכה'דיגע הידורים וואס זענען נישט געווען בנמצא אמאליגע צייטן.
- **אפילו איינער שפירט אז ער קען נישט האבן די ריכטיגע השגות ביי א מצוה, אבער די השתוקקות צו האבן א טעם אין א מצוה שאפט א געוואלדיגן נחת רוח פאר'ן באשעפער.**
- א מצוה וואס מען טוט מיט כיסופים צום באשעפער ווערט גערעכנט ווי מען וואלט מקיים געווען אלע תרי"ג מצוות.
- **מען דארף איינבאקן אין זיך די אמונה אז דער אויבערשטער האט א מורא'דיגן תענוג פון א מצוה, און דאס איז מעורר די שמחה של מצוה.**
- רחמנא ליבא בעי, דער עיקר וואס דער אויבערשטער וויל איז אז מען זאל טון א מצוה מיט'ן גאנצן הארץ, אפילו מען האט נישט די גרעסטע השגות.
- **צדיקים האבן זייער מחשיב געווען די עבודה פון פשוטי עם, ווייל אסאך מאל טוען זיי א מצוה מיט מער הארץ און געפיל ווי בעלי מדריגה.**

מכון
שפה
ברורה

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com


6 בהיכלא דמלכא | פרשת שמיני תשפ"ה